# פרשת ואתחנן - עקב ז' – כ' אב תשע"ז לפ"ק

***יום שני פרשת ואתחנן – ליל תשעה באב***

אחר תפלת מעריב ואמירת מגילת איכה (ע"י הרה"ג **רבי שמשון ראאב** שליט"א), למד **רבינו שליט"א** עם בחורי הישיבה, המדרש על חורבן בית המקדש (פתיחתא לאיכה רבה פסקה כד) בקול בכי ומעורר הלבבות.

*

***יום שלישי פרשת ואתחנן – תשעה באב***

אחר תפלת מנחה, למד **רבינו שליט"א** עם בחורי הישיבה, הגמרא בעניני חורבן בית המקדש (גיטין נז:).

***וזה תוכן השיעור:***

**מלמד שהראהו הקב"ה לדוד חורבן בית ראשון וחורבן בית שני.** דוד המלך האט נישט געזען דעם בית המקדש. ער האט געוואלט אויפבויען דעם בית המקדש, ער האט צוגעגרייט אלעס וואס עס פעלט אויס צום בנין בית המקדש, ער האט אויסגעזוכט דעם פלאץ וואו מען וועט אויפבויען דעם בית המקדש, אבער ער אליין האט עס נישט געבויט. ווען ער האט געוואלט בויען דעם בית המקדש, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אז ער קען עס נישט בויען, זיין זון שלמה המלך וועט בויען דעם בית במקדש.

**פארוואס** דוד המלך האט נישט געבויט דעם בית המקדש, שטייט אין פסוק (דברי הימים א כב-ח) אז דער אייבערשטער האט אים געזאגט, דו האסט געפירט אסאך מלחמות, דמים לרוב שפכת, דו האסט פארגאסן אסאך בלוט, דו האסט איינגענומען אסאך גוים, און איינער וואס האט פארגאסן בלוט, קען נישט בויען א בית המקדש. - עס איז דא כמה הסברים, וואס איז דער חסרון אז ער האט פארגאסן אסאך בלוט. ער האט דאך נישט מאבד געווען יודען, ער האט נאר שופך דם געווען פון די רשעים, פארוואס קען ער נישט בויען דעם בית המקדש.

**אין** מדרש (ילקוט שמואל קמה) שטייט נאך א טעם פארוואס ער האט נישט געבויט דעם בית המקדש, ווייל דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז טאמער ער וועט בויען דעם בית המקדש, וועט עס קיינמאל נישט חרוב ווערן. האט דוד המלך געזאגט, איז דאך זייער גוט, אז עס וועט נישט חרוב ווערן. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, עס וועט קומען א צייט וואס יודען וועלן זינדיגען, און טאמער איך וועל נישט האבן קיין בית המקדש וועל איך אויסגיסען מיין כעס אויף כלל ישראל, אבער אויב עס וועט זיין א בית המקדש וואס קען חרוב ווערן, וועל איך אויסגיסען מיין כעס אויפן בית המקדש, און איך וועל נישט מכלה זיין די יודען.

**וועגן** דעם, ווען מען רעדט פונעם חורבן בית המקדש, שטייט אין פסוק (תהלים עט-א) מזמור לאסף, אלקים באו גוים בנחלתך. מזמור לאסף?! ער האט געזאגט א מזמור, אז אלקים באו גוים בנחלתך? קינה לאסף מבעי ליה, עס וואלט געדארפט זיין א קינה. מען וואלט געדארפט מקונן זיין דערויף. נאר דוד המלך האט געזאגט, אז עס איז אויך דא א מזמור דערין, דער חורבן בית המקדש איז א ווייטאג, אבער ווען א מענטש דארף עפעס אדורכגיין, און ער האט צוויי וועגן, אדער וועט ער האבן א קליינעם שאדן, אדער וועט ער האבן א גרויסן שאדען, און מען זאגט אים, דו וועסט נאר באקומען דעם קליינעם שאדען, טוט אים טאקע וויי די קליינע שאדען אויך, אבער ער פרייהט זיך, עס איז א מזמור, אז ער האט נישט געהאט קיין גרעסערן שאדען.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר דוד המלך, וואס דו בויסט, דאס וועט בלייבן אויף שטענדיג. אזוי שטייט אין די גמרא (סוטה ט.) אז אין מעשה דוד, לא שלטה בהם האויבים, די אויבים האבן נישט געהאט קיין כח שולט צו זיין אויף די מעשים פון דוד המלך. אויף די מעשים פון משה רבינו זאגט אויך די גמרא (שם), אז די אויבים האבען נישט געקענט שולט זיין. דער משכן וואס משה רבינו האט אויפגעשטעלט, שטייט נאך היינט. מען האט באהאלטן דעם משכן מיט די ברעטער, קרשיו קרסיו בריחיו עמודיו ואדניו, אלעס איז באהאלטן געווארן, עצי שטים עומדים (שמות כו-טו) שעומדים לעולמי עד (סוכה מה:), עס בלייבט שטיין אויף

שטענדיג. עס איז דא א דעה אין מדרש (ילקוט נשא תשי"ג) אז די פרות און די עגלות, וואס האב געטראגן די וועגענער פון דעם משכן, לעבן נאך היינט אויך. זיי האבן נישט באקומען א מום, און זיי האדוועון זיך ערגעץ, ווייל מעשה משה רבינו איז נישט קאליע געווארן. און דאס איז דער טעם פארוואס משה רבינו איז נישט אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, ווייל אויב משה רבינו גייט אריין קיין ארץ ישראל, און ער וועט בויען דעם בית המקדש, וועט עס נישט קענען חרוב ווערן, און טאמער עס וועט זיין א חרון אף, וועט עס ח"ו נוגע זיין צו יודען.

**קומט** אויס, אז דוד המלך האט בעצם נישט געזען דעם בית המקדש, און פון דעסטוועגן דאך איז דא א קאפיטל אין תהלים, על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו, מיר זענען געזעסן ביי די טייכן פון בבל, און מיר האבן געוויינט, בזכרינו את ציון. מען האט נאכנישט געזען קיין בית המקדש, און ער רעדט שוין פון וואס עס וועט זיין שפעטער. נאר דער אייבערשטער האט געוויזען פאר דוד המלך וואס עס וועט זיין אין די דורות שפעטער, ער האט אים געוויזען ווי אזוי שלמה המלך וועט בויען דעם בית המקדש, און ווי אזוי דער בית המקדש וועט שטיין פיר הונדערט און צען יאר, און נאכדעם וועט עס חרוב ווערן. און ווען דער ערשטער בית המקדש וועט חרוב ווערן, וועלן יודען גיין אין גלות בבל זיבעציג יאר. אין סוף פון דעם גלות איז געווען די מעשה פון פורים. אחשורוש האט געמאכט א משתה ווייל ער האט געמיינט אז עס איז שוין אדורכגעגאנגען די זיבעציג יאר, און דער אייבערשטער האט נישט אויסגעלייזט יודען. ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי מען רעכנט דעם חשבון פון די זיבעציג יאר. שפעטער האט כורש געגעבן א רעכט, אז מען קען ווייטער אויפבויען דעם בית המקדש, און מען האט אויפגעבויעט דעם בית המקדש וואס איז געשטאנען פיר הונדערט און צוואנציג יאר. נאכדעם איז געקומען אדום וואס האט חרוב געמאכט דעם צווייטען בית המקדש. דער אייבעשטער האט דאס אלעס געוויזען פאר דוד המלך, ווי אזוי עס וועט ווערן אויפגעבויט דער בית המקדש, און ווי אזוי עס וועט חרוב ווערן, און עס וועט קומען א צווייטער בית המקדש, און עס וועט נאכאמאל חרוב ווערן.

און אויף דעם האט דוד המלך מתקן געווען דעם קאפיטל תהלים, על נהרות בבל שם ישבנו, ער האט אראפגעלייגט ווי אזוי יודען וועלן מקונן זיין טויזנט יאר שפעטער, נאך די צווי גליות. נאך די פיר הונדערט און צען יאר פונעם ערשטן בית המקדש, און פיר הונדערט און צוואנציג יאר פונעם צווייטן בית המקדש, און זיבעציג יאר אינדערמיט. ער האט געזאגט די קאפיטל פון על נהרות בבל, אויף א זאך וואס וועט פאסירן טויזנט יאר שפעטער. דאס ווייזט אויף די קדושה פון די נביאים, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, אז מען וועט בויען א בית המקדש, און זיבעציג יאר שפעטער וועט מען זעהן א צווייטן בית המקדש, און אזוי איז געווען.

**דאס** זעלבע האט ירמיה הנביא אויך געשריבן מגילת איכה, אויף א זאך וואס איז נאכנישט געווען. ער האט געשריבן איכה, נאך פאר דער בית המקדש איז חרוב געווארן. דער בית המקדש איז חרוב געווארן אין זיין דור, אבער ער האט שוין געזען דעם חורבן וואס עס גייט קומען, און ער האט געשריבן א קינה מקונן צו זיין. - עס שטייט אין גמרא (סנהדרין קד:, הובא ברש"י איכה ב-טז) אז קאפיטל ב' אין איכה איז געשריבן לויט די א' ב'. און ביי די אותיות ע' און פ', שטייט קודם פ' און נאכדעם ע'. זאגט רש"י אז דער טעם דערפון איז, ווייל דער פסוק וויל מרמז זיין, אז ביים חורבן בית המקדש האט מען גערעדט מיטן מויל זאכן וואס מען האט נישט געזען מיט די אויגן. מען האט מקדים געווען די 'פה' פאר די 'עין'. מענטשן טרעפן אויס מעשיות, זאכן וואס זענען נישט געווען, מען רעדט לשון הרע וכדומה, זאכן וואס האט קיינמאל נישט פאסירט, מען לייגט ארויף אויף יענעם א נאסע ליילעך, דאס איז זאכן וואס מען האט נישט געזען מיט די אויגן. און ביים חורבן בית המקדש האט מען גערעדט זאכן וואס מען האט נישט געזען מיט די אויגן, וועגן דעם שטייט די פ' פאר די ע'.

**לויט** דעם וואס מען האט פריער גערעדט, שטייט די פ' פאר די ע', ווייל מען האט שוין געזאגט די קינה אויפן חורבן פונעם בית המקדש, פאר מען האט נאך געזען די בית המקדש אליין. דוד המלך

האט שוין געזאגט על נהרות בבל, פאר מען האט נאך געזען דעם 'בנין' הבית המקדש. און ירמיה האט געזאגט זיין קינה, פאר ער האט געזען דעם חורבן פונעם בית המקדש. און ער האט עס מרמז געווען, אז ער זאגט זאכן, וואס די פה איז פאר די עין.

**דער** חורבן פנעם בית ראשון איז געווען דורך בבל, וואס מען רופט היינט איראַ"ק. נבוכדנצר מלך בבל איז געקומען און ער האט חרוב געמאכט דעם בית ראשון. דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געווארן דורך מלכות רומי, וואס מען רופט היינט רוים אין איטאַליע. עס ווערט אנגערופן גלות אדום, ווייל דער ערשטער מלך פון רוים, איז געווען אדום. אדום איז געווען א אייניקל פון עשו הרשע, איז ממילא ווערט דער גלות אנגערופן אז מיר זענען אונטער עשו'ס גלות, ווייל אדום האט געברענגט דעם גלות (עיין **במהרש"א** (מכות יב.) בשם **האברבנאל**). מיר זענען נישט יעצט אין אדום, מיר זענען אין אמעריקא, מיר זענען צעווארפען געווארן אין די גאנצע וועלט, אבער עס ווערט אנגערופן גלות אדום, ווייל אדום איז געווען דער וואס האט געברענגט דעם גלות. זיי האבן חרוב געמאכט דעם בית המקדש, און יודען זענען געגאנגען אין גלות.

**עס** איז געווען א חילוק צווישן דעם חורבן פון בית ראשון, און דער חורבן פון בית שני. נאך די חורבן פון בית ראשון, איז נישט געבליבן קיין שום יוד אין ארץ ישראל, אזוי ווייט אז עס שטייט אין די גמרא (יומא נד.), אז צוויי און פופציג יאר איז ארץ ישראל געווען אויסגעליידיגט פון א מענטש. עס איז נישט געווען דארט נישט קיין יודען און נישט קיין גוים, עס איז געווען אזוי ווי א מדבר, אז אפילו א בהמה אדער א עוף זענען נישט אדורכגעפלויגן. ביים בית שני איז נישט אזוי געווען, ביים בית שני איז שוין ארץ ישראל געווען באזעצט אויך מיט גוים, און ווען מען האט געטראגען יודען אין גלות, זענען אבער געווען פעלקער וואס זענען געבליבן אין ארץ ישראל. און שפעטער זענען יודען פון די גאנצע וועלט צוריקגעקומען וואוינען אין ארץ ישראל.

*

**מעשה בארבע מאות ילדים וילדות שנשבו לקלון, הרגישו בעצמן למה הן מתבקשים, אמרו, אם אנו טובעין בים, אנו באין לחיי העולם הבא?** די שאלה איז געווען, טאמער זיי בלייבן דא אין די שיף, גייט מען זיי צווינגען צו טון עבירות, און טאמער זיי ווארפן זיך אריין אין וואסער, זענען זיי עובר אויף די איסור פון רציחה, לא תרצח (שמות כ-יג), א מענטש טאר זיך נישט הרג'ענען. נישט נאר יענעם טאר מען נישט הרג'נען, נאר אפילו זיך אליין טאר מען אויך נישט הרג'נען, מען טאר נישט זיין א מאבד עצמו לדעת.

**אין** חז"ל ווערט צוגעברענגט אז א מאבד עצמו לדעת, אין לו חלק לעולם הבא. און די ביאור דערויף איז, ווייל אמאל איז דא וואס א מענטש טוט א עבירה ביים לעבן, אבער ווען ער שטארבט, איז די מיתה מכפר. און אז די מיתה איז מכפר, איז ער נאכדעם זוכה צו עולם הבא. אבער טאמער די מיתה אליין איז א עבירה, ער איז זיך מאבד עצמו לדעת, קען דאך די מיתה נישט זיין פאר אים א כפרה, ווייל מיתה איז נאר מכפר אויף א עבירה וואס מען האט געטון פריער, אז מען גייט אדורך די צער פון מיתה, איז די צער מיתה מכפר אויף וואס מען האט געזינדיגט. אבער טאמער דער מענטש נעמט די מיתה אליין, און דאס איז א עבירה, קען דאך נישט זיין אז די מיתה זאל אים ברענגען, אז ער זאל זוכה זיין צו חיי עולם הבא, איז וועגן דעם א מאבד עצמו לדעת אין לו חלק לעולם הבא (עיין **בתורת משה** פ' ויצא קיב., **ובשו"ת חתם סופר** יו"ד סימן שכ"ו אות ב', ובאבה"ע ח"א סימן ס"ט). - עס האט נישט קיין מקור אין די גמרא, אבער א טייל זאגן, אז די מקור איז פון די גמרא דא. ווייל זיי האבן געפרעגט, אויב אונז גיי מיר זיך אריינווארפן אינעם ים, וועלן מיר האבן עולם הבא. וואס איז די שאלה? ווייל אזוי ווי אונז גיי מיר זיך הרג'נען, קען זיין אז מיר פארלירן אונזער חלק אין עולם הבא. - זייער שאלה איז געווען, וואס איז חשוב'ער. צו מען זאל בלייבן לעבן און זינדיגן. צו מען זאל זיך אליין הרג'נען, און נישט צוקומען צו א חטא.

**עס** איז דא א מחלוקת אין די מפרשים (עיין **במהרש"א**), וואס עס מיינט עולם הבא. עס איז דא צוויי עולם הבא'ס. עס איז דא עולם הבא וואס איז

יעצט. עס איז דא עולם הזה, די וועלט, און ווען א מענטש שטארבט גייט ארויף די נשמה אין עולם הבא. חיי גן עדן, ווערט אויך אנגערופן חיי עולם הבא. נאכדעם איז דא עולם הבא, וואס די וועלט שטייט נאר זעקס טויזנט יאר. אונז האלט מיר יעצט ביי פינף טויזנט זיבן הונדערט און זיבן און זיבעציג יאר, נאך צוויי הונדערט און דריי און צוואנציג יאר וועט שטיין די וועלט. משיח דארף קומען פריער, אז נישט וועט זיין א חורבן אויף די וועלט. און נאכדעם הייבט זיך אן א נייע וועלט, עס וועט זיין תחיית המתים. אלע טויטע וואס וועלן זוכה זיין אויפצושטיין תחיית המתים וועלן אויפשטיין, און עס וועט זיך אנהייבן טעג פון ימות המשיח. דאס וועט זיין א אנדערע סארט לעבן, וואס עס וועט נישט זיין דעמאלטס לא אכילה ולא שתיה (ברכות יז.). עס איז דא כמה מחלוקת'ן ווי אזוי עס וועט אויסקוקען חיי עולם הבא.

*

**קפצו כולן ונפלו לתוך הים. ובתוספות, הא דאמר** (עבודה זרה יח.) **מוטב שיטלנה מי שנתנה ואל יחבל בעצמו, הכא יראים היו מיסורין, כדאמרינן** (כתובות לג:) **אלמלי נגדו לחנניה מישאל ועזריה פלחו לצלמא.** אין **דעת זקנים** פון די **בעלי תוספות** (פ' נח) אויפן פסוק (בראשית ט-ה) ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש, פון וואס מען לערנט אראפ, אז א מענטש טאר זיך נישט הרג'נען אליין. ברענגט ער צו, אז בימי השמד, ווען מען האט געצווינגען יודען אז זיי זאלן זיך שמד'ן, איז געווען א גדול וואס האבן געשחט'ן די קינדער, ווייל אפשר וועלן זיי נישט קענען עומד זיין בנסיון, און זיי וועלן דינען עבודה זרה. און עס איז געווען א צווייטער גדול, וואס האט געהאלטן אז מען טאר עס נישט טון, און ער האט שטארק מוכיח געווען דעם ערשטן וואס האט עס געטון (עיין שם). על כל פנים, עס איז א מחלוקת הראשונים, צו א מענטש האט זיך א רעכט צו הרג'נען, כדי ער זאל נישט צוקומען שפעטער צו א עבירה.

*

**אתיוהו לאידך, אמרו ליה פלח לעבודת כוכבים. אמר להו, כתוב בתורה** (דברים כו-יז) **את ה' האמרת וגו', וה' האמירך היום, כבר נשבענו להקב"ה שאין אנו מעבירין אותו באל אחר, ואף הוא נשבע לנו שאין מעביר אותנו באומה אחרת.** אין די מפרשים שטייט, אז דער אייבערשטער האט געזאגט (שמות יט-ה) והייתם לי סגולה מכל העמים, כי לי כל הארץ. נישט נאר היינט ווען די גוים זענען נישט אינטערעסירט אינעם אייבערשטען זענען מיר אויסגעוועלט פונעם אייבערשטען, נאר אפילו לעתיד לבא, ווען עס וועט זיין מלאה הארץ דעה את ה' (ישעיה יא-ט), והיה ה' למלך על כל הארץ, ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד (זכריה יד-ט), יעדער וועט אנערקענען אז עס איז דא א באשעפער, וועלן נישט זיין אלע אייניג. 'והייתם לי סגולה מכל העמים', מיר בלייבן א סגולה פארן אייבערשטען, אפילו אין אזא זמן וואס עס וועט זיין 'כי לי כל הארץ', וואס די גאנצע וועלט וועט אנערקענען אינעם אייבערשטן.

**עס** שטייט אין די מפרשים (עיין **בבן יהוידע**), פארוואס האט ער געדארפט צוגעבן, אז דער אייבערשטער האט אויך געשוואוירן אז ער גייט אונז נישט טוישן. ער האט דאך נאר געוואלט ארויסברענגען די נקודה, אז ער קען זיך נישט אפרייסן פונעם אייבערשטען, און זיך ביקען צו א עבודה זרה, ווייל ער האט געגעבן א שבועה. די שבועה פונעם אייבערשטען אז ער וועט אונז נישט איבערלאזן, איז נישט נוגע צו דעם שמועס.

**עס** איז אבער דא א הלכה, אז מען קען מתיר זיין א שבועה. אזוי ווי מען קען מתיר זיין א נדר, אזוי קען מען מתיר זיין א שבועה. די הלכה איז אבער (שו"ע יו"ד רכח-כ) אז אויב מען האט געשוואוירן עפעס פאר יענעם וועגן א סיבה, ווייל יענער האט דיר געטון א טובה, קען מען נישט מפיר זיין די שבועה. ווען א מענטש נעמט אויף זיך סתם אזוי א שבועה, קען ער צוריקציען, אבער ווען יענער טוט מיר א טובה, און אויף דעם ארויף האב איך אים געשוואוירן, קען מען נישט מפיר זיין. קומט אויס, אז אויב ער וועט זאגן פארן מלך, אז מיר האבן געשוואוירן, וועט ער זאגן, עס איז פיקוח נפש, צו צוריק פון דיין שבועה. האט ער געזאגט, דער אייבערשטער האט אויך געשוואוירן פאר אונז א שבועה, אז דער אייבערשטער וועט אונז נישט איבערלאזן, און אז דער אייבערשטער האט אונז געטון אזא טובה, און

אויף דעם ארויף האבן מיר געשוואוירן, אז אונז גיי מיר נישט אוועק פונעם אייבערשטען, קען מען אזא שבועה נישט מפיר זיין.

*

**אמר ליה קיסר, אישדי לך גושפנקא וגחין ושקליה [כדי שתהא נראה משתחווה לה], כי היכי דלימרו קביל עליה הורמנא דמלכא. אמר ליה, חבל עלך קיסר, חבל עלך קיסר, על כבוד עצמך כך, על כבוד הקב"ה על אחת כמה וכמה. אפקוהו למיקטליה.** עס איז דא א שמועס וואס איז נוגע להלכה. די הלכה איז אז פאר עבודה זרה דארף מען זיך לאזן מוסר נפש זיין. אז מען צווינגט איינעם, אדער שיס איך דיר, אדער ביקסטו זיך צו דעם עבודה זרה, איז ער מחוייב זיך צו לאזן שיסן, און זיך נישט ביקען צו די עבודה זרה. ווי אזוי איז, ווען מען זאגט אים נישט ביק דיך צו א עבודה זרה, מען זאגט אים נאר, טו א זאך וואס וועט אויסקוקען ווי דו ביקסט זיך צו א עבודה זרה. מען זאגט אים, הייב אויף די רינגל וואס איז אויף די ערד נעבן דעם עבודה זרה, און מענטשען וועלן מיינען אז ער האט זיך געבוקט צו די עבודה זרה, אבער למעשה האט ער זיך נישט געבוקט, ער האט זיך נאר אראפגעבויגן אויפצוהייבן א זאך וואס איז געלעגן דארט. צו אויף א מראית עין איז אויך דא די הלכה אז מען דארף זיך מוסר נפש זיין, אז יענער זאל נישט מיינען. איז די הלכה (שו"ע יו"ד קנז-א) אז אויף א מראית עין איז מען נישט מחוייב זיך מוסר נפש צו זיין. און דא זעהט מען אז אפילו אויף א מראית עין האט זיך דאס קינד נישט געבוקט. זאגן א טייל מפרשים, אז אין א שעת השמד דארף מען זיך מוסר נפש זיין אפילו אויף א קליינינקייט, אפילו אויף א ערקתא דמסאני (עיין סנהדרין עד:), ממילא האט זיך דאס קינד מוסר נפש געווען אפילו אויף א מראית עין.

*

**אמרה לו, בניי, לכו ואמרו לאברהם אביכם, אתה עקדת מזבח אחד, ואני עקדתי שבעה מזבחות.** די מפרשים פרעגן, אז עס איז נישט דומה. ווייל אברהם אבינו האט געברענגט יצחק אויף די עקידה ברצון, אבער איר האט מען געצווינגען דערצו. זי איז נישט געגאנגען שחט'ן אירע קינדער, מען האט איר געצווינגען. זיי האבן נישט געוואלט דינען עבודה זרה, האט מען זיי געהרג'ט. פארוואס שטייט זי העכער פון אברהם אבינו, וואס אברהם אבינו האט געקענט זאגן, איך וויל נישט הרג'נען מיין קינד. זי האט דאך נישט געהאט קיין מעגליכקייט אז די קינדער זאלן בלייבן לעבן.

**זאגן** די מפרשים, אז זי האט אויך געהאט א חלק דערין. ווייל זי האט צוגערעדט אלע קינדער, אז זיי זאלן זיך נישט ביקען צו די עבודה זרה, נאר זיי זאלן זיך לאזן הרג'נען. זיי זענען נאך געווען קינדער, און זיי האבן געפרעגט דעם מאמע וואס זיי זאלן טון, און די מאמע וואלט געקענט זאגן, אז זיי זאלן זיך ביקען צו די עבודה זרה, און זיי וועלן ענק נישט הרג'נען. און די מאמע האט נישט אזוי געזאגט, קומט אויס, אז די מוטער האט ברצון געברענגט אירע קינדער אויף די עקידה.

*

**יצאה בת קול ואמרה אם הבנים שמחה.** וואס האט דער בת קול מיט דעם געוואלט זאגן. בפשטות טייטשט מען, אז דער בת קול האט געזאגט, אז אויבן אין הימל איז די מאמע זוכה צו א גרויס גן עדן, אז זי קען זיין פרייליך. עס שטייט אין די מפרשים (עיין **דברי שאול**), אז דער בת קול האט געזאגט, מען וועט מיינען אז די מוטער האט געהאט צער פון דעם וואס זי האט פארלוירן די קינדער. ניין, עס איז אם הבנים שמחה. און דאס האט נאר א בת קול געקענט זאגן, ווייל א מענטש ווייסט נישט וואס איז אין יענעמס הארץ. עס קען אמאל זיין אז זי האט עס געטון ווייל זי האט נישט געהאט קיין ברירה, זי האט זיך געשעמט וכדומה, און זי איז נישט געווען פרייליך אז מען האט עס געטון. איז געקומען די בת קול און עס האט געזאגט, אם הבנים שמחה, אז זי האט עס געטון מתוך שמחה.

**עס** האט א שייכות מיטן פריערדיגן שמועס. זי האט געזאגט, אז זי איז מער פון אברהם אבינו, ווייל זי האט געברענגט זיבן מזבחות. אפשר איז

אברהם אבינו מער, ווייל ער האט עס געברענגט בשמחה, וילכו שניהם יחדיו, מיט א שמחה (רש"י בראשית כב-ו). זי האט טאקע געברענגט זיבן קינדער אויף די עקידה, אבער אפשר איז עס געווען אן א שמחה. יצאה בת קול און עס האט געזאגט, ניין, אם הבנים שמחה, זי האט עס אויך געטון בשמחה. און אז זי האט עס געטון בשמחה, וועגט איבער אירע זיבן עקידות, וואס אברהם האט געברענגט איין עקידה.

*

**כי עליך הרגנו כל היום, אמר רבי יהושע בן לוי זו מילה שניתנה בשמיני.** דער **חתם סופר** שרייבט אין א תשובה (יו"ד סימן רמה) אז בעצם איז מילה א סכנה. די טעם פארוואס מען זעהט אז דאס קינד איז געזונט, און עס פאסירט נישט קיין אומגליק, אז דאס קינד זאל אוועקגיין פון די וועלט [דאס וואס מען זעהט אז עס איז דא א מתו אחיו מחמת מילה, איז ווייל דאס קינד איז נישט געזונט, אבער נישט וועגן די מילה], איז ווייל א מצוה וואס מען טוט, איז עס מגנא ומצלא בשעת מען טוט די מצוה (סוטה כא.). אזוי ווי דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א מצוה וואס איז פארבינדען מיט סכנת נפשות, איז דער כח פון די מצוה מגין, אז עס פאסירט קיינמאל גארנישט פאר א קינד. אבער בעצם איז עליך הרגנו כל היום, וואלט עס געווען א סכנה.

*

**כל מילי ליחזי איניש בנפשיה, בר משחיטה ודבר אחר** (צרעת ומראות נגעים). רש"י טייטשט אז מען האט גענומען א חלף אין די הענט, און מען האט געוויזען מיט די סכין ווי אזוי מען שחט. און עס איז א סכנה, ווייל עס קען אנרירן די האלז. איז משמע פון רש"י, אז צו ווייזען מיט די הענט, איז נישט דא קיין חסרון. אבער אנדערע מפרשים (עיין **במהרש"א**) טייטשן נישט אזוי, נאר דער פשט איז, אז דער עצם זאך, ווייזן אויף זיך א זאך פון מיתה, דארף א מענטש נישט צייגען אויף זיך. די גמרא (ברכות יט.) זאגט, לעולם אל יפתח אדם פיו לשטן, א מענטש זאל קיינמאל נישט זאגן אויף זיך א זאך, געבן א פלאץ, ווי דער שטן זאל זיך קענען אנטשעפענען דערין. יעדע זאך וואס א מענטש וויל נישט אז עס זאל פאסירן ביי אים, זאל ער קיינמאל נישט זאגן די זאך בדרך מעשה, אז עס איז אזוי. עס איז שכיח, אז אמאל וויל מען נישט טון עפעס, אדער מען וויל נישט גיין ערגעץ וכדומה, זאגט מען, איך בין נישט געזונט, איך קען נישט. מען טאר נישט זאגן אזוי. אל יפתח אדם פיו לשטן, זאג נישט אז דו ביסט נישט געזונט, זיך א אנדערע תירוץ. ווען מען בעהט אים צדקה, זאגט ער, איך האב נישט קיין געלט. דו האסט נישט?! אל יפתח אדם פה לשטן. דו קענסט זאגן, איך קען נישט יעצט געבן וכדומה, אבער נישט זאגן א זאך וואס א מענטש וויל נישט אז עס זאל פאסירן (ועיין מועד קטן יח.).

*

**ארבעים סאה קצוצי תפלין נמצאו בראשי הרוגי ביתר, רבי ינאי ברבי ישמעאל אמר, שלש קופות של ארבעים ארבעים סאה וגו', ולא פליגי, הא דרישא הא דדרעא.** די מפרשים שטעלן זיך, ווי אזוי קען מען טייטשן, אז איינס גייט ארויף אויף תפלין של יד. די גמרא זאגט דאך, אז עס איז נמצאו 'בראשי' הרוגי ביתר, מען האט עס געטראפן אויפן קאפ, ווי אזוי זאגט מען יעצט, אז עס איז געווען תפלין של יד. זאגן א טייל מפרשים (עיין **במהר"ם שיף**), אז אמאל איז מען געגאנגען אנגעטון מיט די תפלין א גאנצן טאג, און אזוי ווי מען האט געפירט א מלחמה מיט די פיינט, און מען האט געדארפט האבן די געוועהר אין די האנט, האט מען זיך נישט געקענט ארומדרייען מיט די תפלין של יד, האט מען אויסגעטון די תפילין של יד, און מען האט עס ארויפגעלייגט אויפן קאפ, און מען האט אנגעהאטביידע תפלין'ס אויפן קאפ, ווייל מקום יש בראש להניח שני תפלין, אויפן פלאץ פונעם של ראש קען מען לייגן צוויי תפלינ'ס. זענען געווען סיי די תפלין של ראש, און סיי די תפלין של יד, אויפן קאפ פון די הרוגי ביתר.

**דער עץ יוסף** ברענגט צו פון **רבי עקיבא איגר** זייער א שיינעם פשט. ווען מען קומט אריין אין בית המדרש, און מען טוט אן תפלין, איז דא דריי ערליי סארט יודען. עס איז דא איינער וואס טוט יעצט

אן די תפלין, און ער האט נאר אן אויף זיך די תפלין של יד. איינער וואס איז שוין אנגעטון מיט די תפלין, ער האט בײדע, סיי די תפלין של יד און סיי די תפלין של ראש. איינער וואס טוט שוין אויס די תפלין, נעמט מען דאך קודם אראפ די תפלין של ראש, און נאכדעם די תפלין של יד, און ער איז נאר מיט די תפלין של יד. קומט אויס אז ווען מען רעדט פון מענטשן וואס זענען אנגעטון מיט תפלין, איז פון יעדע דריי מענטשען מיט תפלין, דא צוויי וואס האבן נאר אן די תפלין של יד, און איינער וואס האט אן סיי די תפלין של יד און סיי דער תפלין של ראש. איז דא אויף מענטשן דריי מאל אזויפיל תפלין של יד ווי תפלין של ראש. וועגן דעם איז געווען ביי די הרוגי ביתר, דריי קופות פון תפלין של יד, און איין קופה פון תפלין של ראש.

*

**העבודה, שאיני זז מכאן עד שאפדנו בכל ממון שפוסקין עליו (עיין בתוספות).** מען ווייסט אז דער **מהר"ם מרוטענבורג** איז געווען פון די גרעסטע גדולים בימיו. ער איז געווען דער רבי פונעם **רא"ש.** און מען האט אמאל געגומען דעם **מהר"ם מרוטענבורג** אין תפיסה, און עס איז געווארן א התעוררות איבעראל, אזוי ווי מען זאל היינט נעמען דעם גרעסטן גדול, און ארײנלייגן אין תפיסה. און מען האט געבעטן פון יודען אסאך געלט, אים אויסצולייזן. און דער **מהר"ם מרוטענבורג** האט נישט געלאזט אז מען זאל אים אויסלייזן, ער וויל נישט מען זאל געבן פאר אים א פרוטה אחת, ווייל ער האט נישט געוואלט אז עס זאל שפעטער ווערן, אז מען זאל עס נאכמאכן. אז מען וועט זעהן אז עס איז א גוטע געשעפט, מען קען נעמען גדולי ישראל און זיי ארײנלייגן אין תפיסה, האט ער נישט געלאזט אז מען זאל אים אויסלייזן (עיין **בים של שלמה** גיטין פרק ד' סימן ס"ו). און ער איז געזעסן יארן לאנג אין תפיסה, און א גרויס חלק פון זיינע תשובות, האט ער געשריבן אין תפיסה. און ער איז געשטארבן אין תפיסה. און אפילו שפעטער האבן זיי אים נישט געוואלט ארויסגעבן נאר פאר א הון רב. שפעטער איז געווען א גרויסער עושר, ער האט געהייסן אלכסנדר זיסקינד, און ער האט אים אויסגעלייזט פון תפיסה. און דער **מהר"ם מרוטענבורג** איז געקומען נאכדעם צו אים אין חלום, און ער האט אים געזאגט, אז ער וועט זיין מיט אים אין איין מחיצה אין עולם הבא, פאר דעם וואס ער האט געטון. און דער יוד וואס האט אים ארויסגענומען פון תפיסה, ליגט באהאלטן נעבן דעם **מהר"ם מרוטענבורג.**

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

*

***יום רביעי פרשת ואתחנן***

בשעות הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **ישראל פאללאק** הי"ו, ושל בן הר"ר **אליקים באדאנסקי** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, שם התקיים האפשערן של בן הר"ר **יעקב פרץ היללמאן** הי"ו, ושל בן הר"ר **עקיבא זינגער** הי"ו, ושל בן הר"ר **שלמה ברוך בראדי** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **אהרן קערפל** הי"ו, שהתקיים באולם ספינקא.

בשעות הערב התקיים המעמד הנהדר - מעמד כבוד התורה - סיום מסכת עירובין והתחלת מסכת פסחים הנלמדת במסגרת חבורת '**ובהם נהגה**' שעל ידי קהלתנו הק', בהשתתפות מאות אנ"ש זקנים בעלי בתים אברכים, ובראשם דייני קהלתנו הק' שליט"א, ועל צבאם מייסד חבורתנו מורה דרכינו ומאיר עינינו **כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א.**

לפנות הערב גדשו מאות אנשי שלומינו את האולם הגדול והמפואר אימפיריעל בוויליאמסבורג, אשר היה ערוך באופן מלכותי, מרהיבת עין, כראוי וכיאות לכבוד התורה, ונטלו ידיהם לסעודת מצוה.

יושב ראש המעמד הרב **משה יואל גערטנער** שליט"א קידם את פני הבאים, וכיבד את **הרה"ג רבי חיים יהודא פאללאק שליט"א** רב דבית המדרש איגוד החסידים (סטעטן איילענד, בן הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א), לשאת דברים לכבוד המעמד.

בין פרק לפרק הנעימו מקהלת 'שירה' ממיטב הניגונים וזמירות לכבוד התורה ולכבוד היום, כשבראשם הנעים הר"ר **מרדכי אילאוויטש** הי"ו בחרוזים מיוחדים לכבוד התורה ולומדיה.

באמירת הסיום נתכבד הר"ר **חיים ארי' רובין** הי"ו, מלומדי החבורה ולוקחי הבחינות. באמירת הקדיש לע"נ הרה"ח רבי **דוד אלחנן האפפמאנן** ע"ה, והרה"ח רבי **ישעי' פאללאק** ע"ה, נתכבד הר"ר **שמחה פריעדמאנן** הי"ו, וכיבד את הר"ר **שלמה זלמן פאללאק** הי"ו לע"נ אביו.

בגמר הקדיש פרצה כל הקהל בשירה וזמרה וריקודין של שמחה, בנתינת שבח והודיה להשי"ת על טוב חלקינו וגורלינו, להיות נמנים בצבא ה' ללמוד וללמד תורתו הק', ומה יפה ירושתינו שזכינו לסיים מסכת עירובין, ובעזהשי"ת להתחיל מסכת פסחים. הריקודין נמשכו למשך זמן בשמחה וחדוה עילאה. - בהתחלת מסכת פסחים נתכבד הר"ר **אהרן קליין** הי"ו.

אחר כך התקיים פנא"ל מיוחד 'עדות נאמנה' על ידי שלשה מלומדי החבורה ולוקחי הבחינות מידי חודש בחדשו, ה"ה הר"ר **וואלף שפיערער** הי"ו (וומסב"ג), הר"ר **אברהם מאיר זיידענפעלד** הי"ו (ב"פ), הר"ר **אברהם שמואל וויינבערגער** הי"ו (לעיקוואד). אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

בעת המעמד העלו על נס מסירותו הנאמנה של הר"ר **שלמה זלמן פאללאק** הי"ו שעושה ומעשה לטובת חבורת '**ובהם נהגה**' בכל עת ועונה, ובפרט בקרב קהלתינו הק' בוויליאמסבורג, ונתכבד במתנה מהודרת שנמסר לידו על ידי **רבינו שליט"א**. - בברכת המזון נתכבד הר"ר **מרדכי אדלער** הי"ו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מיין** הארץ איז מלא רגש און שמחה, אנטייל צו נעמען היינט ביי די סעודת סיום פון די חבורה '**ובהם נהגה**'. ב"ה מען האלט שוין ביי די דריטע מסכתא על פי סדר הש"ס [מען האט שוין אנגעהויבן צו לערנען פאר דעם אויך, אבער לויטן סדר הש"ס האלט מען שוין ביי חזקה], ברכות, שבת, עירובין. עס איז א הנאה און א שמחה אנטייל צו נעמען ביי די שמחה פון הונדערטער יונגעלייט וואס זענען אנגעשלאסן אין די חבורה פון '**ובהם נהגה**'. - **עס איז א עקסטערע שמחה פאר די יונגעלייט וואס נעמען די בחינות יעדן חודש** אויף וואס מען האט געלערנט, וואס מען האט פריער ארויסגעברענגט די געוואלדיגע תועלת וואס עס איז דא דערין. עס לערנט זיך אנדערש, די קאפ ליגט אין לערנען, ווען מען ווייסט אז מען דארף נעמען א בחינה נאכדעם. יונגעלייט וואס האבן שוין יארן נישט גענומען א בחינה, און אין ישיבה האט מען עס אויך נאר גענומען ווייל מען האט זיי געצווינגען, און היינט נעמט מען די בחינות פרייוויליג, כדי איבערצו'חזר'ן וואס מען האט געלערנט, איז עס א געוואלדיגע שמחה. - **עס איז א שמחה פאר די מגידי שיעור** וואס געבן אוועק זייער צייט אויף הרבצת התורה, רבי בנימין ברייער און רבי יהושע שטערן אין בארא פארק, רבי אליעזר פליישמאן אין וויליאמסבורג, רבי יהודא באדאנסקי אין מאנסי. דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן זייער שכר אין הרבצת התורה. - **עס איז א שמחה פאר די וואס זענען מחזיק די בחינות**, וואס געבן געלט יעדן חודש כדי מען זאל קענען באצאלן פאר די יונגעלייט. זייער זכות איז געוואלדיג גרויס, זיי האבן א גרויסן חלק אין דעם וואס הונדערטער יונגעלייט זיצען און לערנען תורה.

**די** שמחת התורה פאר די וואס האבן מיטגעהאלטן די מסכתא, דארף איך נישט ארויסברענגען. עס איז נישט דא נאך אזא שמחה, אזוי ווי די שמחה וואס זיי שפירן, פיקודי ה' ישרים משמחי לב (תהלים יט-ט). די געוואלדיגע שמחה וואס א מענטש האט, אז ער האט געענדיגט א מסכתא. אזויפיל הונדערטער שעות איז אריינגעגאנגען אין די מסכתא, וואס אז נישט וואלט עס געגאנגען ליידיג, און אזוי האט מען אויסגענוצט די צייט פאר תורה. די שמחה וואס זיי האבן יעדן חודש ווען מען ענדיגט א בחינה, און זיי זעהן אז זיי האבן געברענגט פירות פון וואס זיי האבן געלערנט, דארף איך פאר זיי נישט פארשטעלן די שמחת החיים וואס זיי האבן פון דעם סיום. עס איז נישט נאר די שעות וואס מען לערנט, וואס עס איז פאר זיך אליין א געוואלדיגע מצוה, נאר אויך די שמחה וואס דאס ברענגט אריין אין א יוד שפעטער, וואס די תורה טוט אויסאיידלען א מענטש, מען ווערט א אנדערער סארט יוד ווען מען זיצט און מען לערנט. עס איז

אינו דומה, מען קען אפילו נישט צוזאמשטעלן, ווי אזוי עס קוקט אויס איינער וואס איז נישט א בן תורה, און איינער וואס גיט אוועק זיין פרייע צייט פאר לימוד התורה.

**מען** האלט נאך די טעג וואס יודען האבן מתאבל געווען אויפן חורבן בית המקדש. עס שטייט אין מדרש (ילקוט ישעיה תמה), אז בשעת יודען האבן געזינדיגט, האט מען געזינדיגט בכפלים, דאפעלט. עס שטייט א דאפעלטע לשון, חטא חטאה ירושלים (איכה א-ח). ולקתה בכפלים, די קלעפ וואס מען האט באקומען, איז אויך געווען כפלים, כי לקחה מיד ה' כפלים בכל חטאותיה (ישעיה מ-ב). און די נחמה וואס דער אייבערשטער וועט געבן פאר יודען, וועט אויך זיין בכפלים, נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם (שם). וואס מיינט דאס, אז דער חטא וואס יודען האבען געזינדיגט איז געווען א חטא בכפלים, א דאפעלטער חטא. יעדער חטא איז א חטא פאר זיך. אז מען האט געזינדיגט מערערע עבירות, האט מען געזינדיגט מערערע עבירות, עס ווערט נישט אנגערופן כפלים. חטאה בכפלים איז דער טייטש, אז אין יעדע חטא אליין איז געווען נאך א חטא אויך.

**ווען** מען רעדט פון לימוד התורה, איז לימוד התורה פאר זיך א געוואלדיגע מצוה. עס איז נישט דא קיין חשוב'ערס פון תורה, ותלמוד תורה כנגד כולם (פאה א-א). און אז מען לערנט נישט, ווייסט מען דעם גרויסן עונש וואס עס שטייט אויף ביטול תורה. אבער עס איז נישט נאר א מצוה פון לימוד התורה, און אז ער לערנט נישט האט ער א חטא פון ביטול תורה, נאר לימוד התורה טוישט דעם מענטש, זיין גאנצע יודישקייט איז אנדערש. טאמער פארפעלט מען צו לערנען תורה, איז זיין גאנצע יודישקייט א אנדערע יודישקייט. חטא חטאה בכפלים, דעם חטא וואס מען זינדיגט איז נישט נאר א חטא אויף דעם וואס ער האט יעצט געטון א עוולה, נאר דער חטא אז מען לערנט נישט קיין תורה איז א חטא בכפלים, עס רירט זיך אן אין אלעם, ער איז א אנדערער סארט יוד. **איינער וואס זיצט און לערנט, איז זיין דאווענען אנדערש, זיין הנהגה בין אדם לחבירו איז אנדערש, זיין הנהגה אין שטוב איז אנדערש, די חינוך פון זיינע קינדער איז אנדערש.** אז מען לערנט נישט קיין תורה, איז עס נישט נאר א חטא פאר זיך אליין, נאר עס איז א חטא בכפלים. ווען מען זעהט נישט אין שטוב א אהבת התורה, טוט עס אראפציען די אהבת התורה ביי די קינדער. און פארקערט, **אז מען זיצט און מען לערנט, ווערט מען געשעצט ביי די אייגענע בני בית, מען ווערט געשעצט ביי די קינדער, עס איז נישט דא נאך אזא חשיבות וואס א מענטש קען האבן אין שטוב, ווי ווען מען זעהט אז ער ליגט אין תורה הק'.** און דאס איז דער חטא חטאה בכפלים, דער חטא פון א יוד איז אסאך מאל נישט נאר די עבירה אליין וואס ער טוט, נאר עס ברענגט ארויס די תוצאות דערפון, וואס איז א חטא בכפלים.

**מען** האט נעכטן געלערנט די גמרא (גיטין נז:) וואס רעדט פונעם חורבן בית המקדש. א יעדער ווייסט וואס די גמרא (יומא ט:) זאגט, אז ביים בית ראשון האט מען געזינדיגט מיט די דריי הארבסטע עבירות, און וועגן דעם איז געקומען דער חורבן. אבער ביים בית שני איז געווען תורה און עבודה און גמילות חסדים, עס איז געווען גאנץ לייטיש, און פון דעסטוועגן דאך איז דער בית המקדש חרוב געווארן, וועגן שנאת חנם וואס איז געווען ביניהם. דער פשוטער פשט איז, אז עס איז געווען שנאת חנם צווישן יודען, עס איז געווען א עבירה וואס דער גאנצער דור האט זיך אנגעקלעפט אין דעם שנאת חנם.

**די** גמרא זאגט אבער דארט, אז דער בית המקדש איז חרוב געווארן וועגן א מעשה פון איין יוד אליין. וואס איז געווען די מעשה? זאגט די גמרא, אז עס איז געווען איינער וואס האט זיך געלערנט ביי זיין רבי שוליא דנגרי, שוסטעריי. און דער תלמיד האט שפעטער מצליח געווען, און ער האט געהאט געלט, און דער רבי וואס האט מיט אים געלערנט איז געווארן א ארימאן. און ער האט אמאל געדארפט האבן א הלוואה, האט ער געבעטן פון דעם תלמיד צו ער קען אים לייען געלט. און ער האט אהין געשיקט זיין ווייב אפצונעמען דאס געלט, און דער תלמיד האט איר אויפגעהאלטן דריי טאג, וואס ער האט איר נישט געלאזט אהיימגיין. דער רבי איז געווארן אומגעדולדיג אז דאס ווייב איז נישט אהיימגעקומען, איז ער געגאנגען צו דעם תלמיד,

און דער תלמיד האט אים געזאגט, אז זי איז יצאה לתרבות רעה, זי האט געטון א עבירה, זי האט געזינדיגט. האט ער געפרעגט, וואס האב איך יעצט צו טון. האט ער אים געזאגט, דו דארפט איר גט'ן. האט ער געזאגט, איך האב נישט קיין געלט איר צו באצאלן די כתובה. האט ער געזאגט, איך וועל דיר אויסלייגן די געלט פאר די כתובה, און דו זאלסט איר גט'ן. ער איז געווען א ערליכער תמימות'דיגער יוד, האט ער אזוי געטון, און ער האט איר מגרש געווען. ער האט געטון וואס די הלכה האט געהייסען, אז ער דארף איר גט'ן.

**נאכדעם** וואס זיי האבן זיך געג'ט, איז געגאנגען דער תלמיד, און ער האט מיט איר חתונה געהאט. און דער רבי האט נישט געהאט צו באצאלן די הלואה פון די כתובה, האט דער תלמיד געזאגט פאר דעם רבי, אויב דו האסט נישט צו באצאלן, קום ארבעטן ביי מיר פאר די געלט וואס דו דארפסט מיר באצאלן. און דער תלמיד איז געזעסן ביים טיש מיט יענעמס ווייב, און דער רבי האט געדארפט באדינען דעם תלמיד מיט זיין פריערדיגן ווייב, און דער עגמת נפש איז געווען זייער גרויס, און ער האט געוויינט, און זיינע טרערן זענען אריינגעגאנגען אין די מאכלים וואס ער האט געגעבן פאר זיי, עס איז געווען א ביטערע מעשה. און די גמרא זאגט, אז פאר די מעשה איז חרוב געווארן דער בית המקדש. - די מפרשים זאגן דארט, וואס איז די גאנצע וועלט שולדיג אז עס איז געווען איין יוד וואס האט זיך אזוי געפירט. זאגט די גמרא, ווייל מען האט נישט מוחה געווען. מען האט געלאזט אז אזא מעשה זאל פאסירן, און מען האט נישט מוחה געווען (עיין **במהרש"א**).

**דער** יוד האט נישט עובר געווען אויף קיין איין עבירה אין די תורה, אז עס זאל זיין אזא הארבע עבירה, אז עס זאל חרוב ווערן דער בית המקדש. ער האט איר גענומען בהיתר, ער האט געמעגט מיט איר חתונה האבן, זי איז געווען א ערליכע יודישע טאכטער, ער האט נאר געמאכט א ערמה, א שפיל, אויסצושפילן דעם ערשטען מאן, אז ער זאל איר גט'ן, כדי ער זאל איר קענען שפעטער נעמען. אויף דעם איז חרוב געווארן דער בית המקדש. **דער בית המקדש ווערט נישט חרוב ווייל מען טוט הארבע 'עבירות', נאר ווען מען טוט הארבע 'עוולות' ווערט חרוב דער בית המקדש.** אן עוולה וואס מען טוט, וואס עס שרייט ביז צום הימל, אפילו מען קען נישט אנווייזן וואס דער איסור איז, ער האט אלעס געטון בהיתר, אבער יעדער פארשטייט אז עס איז נישט קיין שיינע זאך, אויף אזעלכע עוולות, זאגט די גמרא, איז חרוב געווארן דער בית המקדש (עיין שם **בהגהות יעב"ץ**).

**און** דאס איז תורה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), **תורה איז א תבלין וואס טוט אויסאיידלען דעם מענטש, א מענטש זאל נישט לעבן פאר זיך, א מענטש זאל נישט לעבן א לעבן וואס עס אינטערעסירט אים גארנישט. אלעס איז אזוי ווי איך וויל, פאר מיר זאל גוט אויסקומען. ביי א יוד וואס לערנט תורה, קען אזא זאך נישט פאסירן.** עס קען נישט עולה זיין על הדעת צוצוקומען צו אזא מצב. און דאס איז דער חטא חטאה בכפלים, טאמער מען זינדיגט און מען לערנט נישט קיין תורה, איז עס א חטא בכפלים. און עס איז לקתה בכפלים, אויף דעם ווערט מען געשלאגן דאפעלט.

*

**מען** ווייסט אז די חשיבות פון תורה איז זייער גרויס. די גמרא (ברכות ח.) זאגט, אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה, דער אייבערשטער האט גארנישט אויף די וועלט, נאר ד' אמות של הלכה. פון די גרויסע וועלט וואס דער רבונו של עולם האט באשאפן, האט ער נאר די ד' אמות וואו א יוד זיצט ביי זיין טיש און ער לערנט תורה. דאס איז די איינציגסטער פלאץ וואס דער רבונו של עולם האט אויף די וועלט. און דאס איז דער איינציגסטע זאך וואס מיר קענען צוריקגעבן פארן רבונו של עולם. דער באשעפער האט באשאפן פאר אונז אזא שיינע גרויסע וועלט, אבער וואס קענען מיר צוריקגעבן פארן אייבערשטען, אונז קען מיר אים צוריקגעבן פיר אמות, די ד' אמות של הלכה, וואו מען זיצט און מען לערנט, דאס קענען מיר געבן פארן אייבערשטען.

**רבי** יוסף באדאנסקי האט מיר היינט נאכגעזאגט א ווארט, וואס ער האט געהערט פון זיין ראש ישיבה

(הרה"ג רבי יהודא לייב וויטלער שליט"א, ר"י ישיבה קטנה דגייטסהעד), אז די גמרא (ביצה טז.) זאגט, ווי חשוב דער שבת איז, מתנה טובה יש לי בבית גנזי, דער אייבערשטער האט א מתנה טובה, וואס ליגט בבית גנזיו פונעם אייבערשטען, ושבת שמה. האט ער געזאגט, אז אין די שטאט פעטערבורג אין רוסלאנד, זענען געווען צוויי עשירים. איינער האט געהייסן באראן גינזבורג, וואס ער איז געווען גאר א גרויסער עושר, און נאכדעם איז געווען א צווייטער באראן, וואס האט געהייסן באראן פאללאק, ער איז אויך געווען א גרויסער עושר. דער באראן גינזבורג האט געהייסען א בן תורה, און דער אנדערער עושר איז נישט געווען אזא בן תורה. יום הקדוש האט מען פארקויפט מפטיר יונה, און דער באראן גינזבורג האט זיך אנגערופן מיט א גרויסע סומע, און ער איז אלץ ארויפגעגאנגען מיט די פרייז, ער האט געוואלט קויפן די עליה. און דער אנדערער באראן האט אנגעהויבן צו שטייגן מיט אים, ער האט אויך ארויפגעצויגן די פרייז, ביז עס איז געבליבן ביי דעם צווייטן באראן. האט מען אים געפרעגט, דו ביסט דאך א עם הארץ, דו ווייסט אפילו נישט וואס דער ענין דערפון איז, פארוואס האסטו געגעבן אזויפיל געלט דערפאר. האט ער געזאגט, איך ווייס טאקע נישט, אבער איך ווייס נאר, אז באראן גינזבורג מאכט גוטע געשעפטן, און אויב פאר אים איז כדאי צו אינוועסטירן דערין אזויפיל געלט, איז עס מיר אויך כדאי.

**האט** דער ראש ישיבה געזאגט, אז דער רבונו של עולם נעמט דעם שבת, און ער זאגט, דאס איז בבית גנזי, דאס איז מיין אוצר, דאס לייג איך אוועק פאר מיר. **אז פארן רבונו של עולם איז עס גענוג חשוב, אז ער אינוועסטירט אינעם שבת, עס אריינצולייגן בבית גנזיו, איז עס פאר אונז אויך כדאי.** אז דער אייבערשטער איז עס מחשיב, דארפן מיר וויסן צו שעצן ווי חשוב עס דארף זיין ביי אונז. - ווען דער רבונו של עולם זאגט, אז איך האב נישט אויף דער וועלט גארנישט, נאר ד' אמות של הלכה, די איינע זאך, די פיר אמות וואו א מענטש זיצט און לערנט, דאס איז מיין זאך וואס איך האב אויף די וועלט. **אז פארן רבונו של עולם איז חשוב די ד' אמות של הלכה, וויפיל דארף פאר אונז זיין חשוב די ד' אמות של הלכה. ווי גליקליך דארף זיך א יוד פילן ווען ער שליסט זיך אן צו א חבורה און ער לאזט נישט אויס איין טאג אין די וואך וואס זאל אדורכגיין אומגעלערנט תורה. און ער לערנט און ער פארהערט זיך, און ער קען וואס מען לערנט, די שעות וואס א יוד גיט אוועק פאר תורה דארף זיין דאס גליקליכסטע צייט אין זיין לעבן.** ווען מען קומט זיך צוזאם צו אזא שמחה, ווען מען האט געענדיגט און מסיים געווען די מסכתא, איז דאס די גליקליכסטע טאג אין זיין לעבן, און מען דארף זיך פרייען מיט א אמת'דיגע שמחה, אז זה היום קוינו לו, זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו, אז מען קען זיך דערמיט פרייען.

*

**דער** פסוק (ישעיה נד-יב) זאגט אויף לעתיד לבא, ושמתי כדכד שמשותיך, ושעריך לאבני אקדח, וכל גבולך לאבני חפץ. דער נביא זאגט, ווי שיין עס וועט זיין ירושלים לעתיד לבא ווען משיח וועט קומען, וואס פאר א טייערע שטיינער עס וועט זיין אין די שערים פון ירושלים, אז דער שטיין וואס הייסט כדכד, דאס וועט זיין שמשותך, דאס גייט ארויף אויף די פענסטערס וואס וועט זיין אין די חומה. פארוואס האט ער פונקט אויסגעקליבן די שטיין כדכד, אז דעם שטיין וועט דער אייבערשטער לייגן, א יעדע זאך איז דאך מיט א חשבון.

**די** גמרא זאגט, אז דער אייבערשטער האט נישט נאר די ד' אמות של הלכה וואו דער מענטש לערנט. איך ווייס נישט פונקטליך ווי אזוי מען רעכנט די ד' אמות של הלכה. מען האט יעצט געלערנט אין מסכת עירובין (מח.), אקעגן די ד' אמות וואס מען גיט פאר א מענטש, אז עס איז א מחלוקת צו דער מענטש איז אינדערמיט, און ער האט צוויי אמות פון די זייט, און צוויי אמות פון די אנדערע זייט, צו ער האט ד' אמות אויף יעדע זייט. מען געפונט אין הלכות תפלה (שו"ע או"ח קב-א), ווען א מענטש דאווענט, איז די הלכה אז מען טאר נישט גיין אין אלע זיינע ד' אמות, סיי פון דער זייט, סיי פון אונטען, סיי פון פארנט, טאר מען נישט אריבערגיין בשעת ער דאווענט, ווייל ווען ער דאווענט, איז דא אויף דעם פלאץ א השראת השכינה, און די השראת השכינה איז נישט נאר אז דער מענטש איז אינדערמיט, און ער האט צוויי

אמות פוןביידע זייטן, נאר פון יעדע זייט איז דא א השראת השכינה פון ד' אמות.

**אויב** מיר זאגן אז עס איז דא א השראת השכינה פונעם אייבערשטען ד' אמות פונעם מענטש אויף יעדע זייט, קומט אויס אז עס איז דא אכט אמות פון די צוויי זייטן, און אכט אמות פון פארנט און פון אונטן. און אז מען וועט מאכן דערפון א רינג, זאגט די גמרא (עירובין יד.), אז א יעדע זאך וואס איז ברייט א אמה, איז דער רינג דערפון דריי מאל אזויפיל. קומט אויס, אז דער רינג פון די ד' אמות של הלכה פון א יעדע זייט, וואס דער אייבערשטער האט ווען מען לערנט תורה, איז דער רינג גרויס פיר און צוואנציג אמות. דריי מאל אכט אמות איז פיר און צוואנציג. ביי תפלה שטייט בפירוש אין חז"ל, אז ווען א יוד דאווענט פארן אייבערשטען, איז דא פיר און צוואנציג אמות ארום די פלאץ ווי ער דאווענט. די זעלבע איז ניתן להאמר ביי תורה, אז מיר געבן נישט נאר פיר אמות פארן אייבערשטען נאר מיר געבן אוועק פארן אייבערשטען א רינג פון פיר און צוואנציג אמות, מיט דעם וואס מען זיצט און מען לערנט.

**און** אזוי ווי דער אייבערשטער וועט אויפבויען דעם בית המקדש, און דעמאלטס וועט דער אייבערשטער ווייזן וואס אונזער תורה האט אויפגעטון, ווי חשוב עס איז געווען אונזער תורה, ווי חשוב עס איז געווען אונזערע תפלות וואס מיר האבן געדאווענט פארן אייבערשטען, וועט דער אייבערשטער נעמען א שטיין וואס הייסט כדכד, כ"ד כ"ד, צו ווייזן אויף די חשיבות פון תורה, און די חשיבות פון תפלה, וואס ביים דאווענען האבן מיר אוועקגעגעבן פארן אייבערשטען א רינג פון פיר און צוואנציג אמות, און דאס זעלבע ווען מען לערנט תורה, געבן מיר אויך אוועק פארן אייבערשטען א רינג פון פיר און צוואנציג אמות. ושמתי 'כדכד' שמשותיך, וכל גבולך לאבני חפץ, דאס וועלן מיר זוכה זיין מיט דעם וואס מיר לערנען תורה.

*

**מען** האט געלערנט מסכת עירובין, עס איז א שווערע מסכתא, איך בין זיכער אז אסאך זענען ארויסגעפאלן, וואס זיי האבן נישט געקענט ממשיך זיין אינגאנצן. אפילו די וואס זענען נישט ארויסגעפאלן פון לערנען די מסכתא, זענען ארויסגעפאלן פון נעמען די בחינות, על כל פנים, ביי די שווערע בלעטער איז מען ארויסגעפאלן דערפון. עס קען אמאל אפקילן דעם מענטש פון צו גיין ווייטער, אבער מען האט אויסגעשטעלט ש"ס, אז נאך א שווערע מסכתא קומט א גרינגע מסכתא, וואס אפילו מען איז ארויסגעפאלען פון מסכת עירובין, קען מען אנהייבן מסכת פסחים מיט א פרישן חשק.

**עס** איז א מסכתא וואס א גרויס טייל האבן שוין געלערנט אלץ בחור אין ישיבה אדער אין חדר, און עס איז זייער גרינג אז מען זאל עס איבער'חזר'ן און קענען. - **יעדער איינער זאל זעהן משפיע צו זיין אויף נאך איין יוד, זיך צוצושטעלן דערצו. יעדער איינער זאל מעורר זיין די משפחה, און גוטע חברים, וואס איז נאכנישט א חבר אין 'ובהם נהגה', אז ער זאל זיך צושטעלן דערצו, און עס מיט לערנען.** עס איז זיכער אז שפעטער וועט ער דאנקבאר זיין אויף דעם וואס מען האט אים צוגערעדט אז ער זאל זיך צושטעלן צו די חבורה.

**ובהם** נהגה יומם ולילה, דער פשוטער פשט איז, אז א יוד דארף שטענדיג, יומם ולילה, עוסק זיין אין תורה. און ווי מען האט פריער געהערט (בדרשת הרה"ג רבי **חיים יודא פאללאק** שליט"א) אז עס האט נאך א טייטש אויך, **דער גאנצער טאג און די גאנצע נאכט פון א מענטש ווערט געפירט פון די שעה וואס ער לערנט תורה. די שעה וואס ער לערנט, איז נישט נאר א שעה וואס ער לערנט תורה, די שעה וואס מען לערנט תורה, דארס פירט דעם מענטש יומם ולילה. דיין גאנצער טאג און נאכט וועט אויסקוקן אנדערש, דו וועסט ווערן א אנדערער סארט יוד.** שאל אביך ויגדך, זקניך ויאמרו לך, מען קען פרעגן די אלע וואס האבן עס אנגעהויבן, און די אלע וואס האבן עס געענדיגט, ווי עס האט געטוישט זייער לעבן, און זיי זענען געווארן אנדערע סארט יונגעלייט פון דעם וואס זיי זענען געווען פאר דעם.

**יעדער** קען עס באווייזען, עס איז נישט אזוי שווער, אזוי ווי מען האט פריער געהערט (בהפאנע"ל), מען האט אויסגעפרעגט די אלע וואס

זענען עס אדורכגעגאנגען, כולם כאחד, עס איז נישט געווען קיין מחלוקת, אלע האבן געזאגט אז מען קען זיך צושטעלן. און מען האט גערעדט פון יונגעלייט וואס זענען עוסק א גאנצע וואך אין זייער פרנסה, עס איז נישט קיין בני הכולל, עס איז נישט קיין ראשי ישיבות, עס איז נישט אזעלכע וואס זיצן אין ישיבה און מען לערנט, נאר מען ארבעט א גאנצע וואך, און אסאך מאל איז דער קאפ אויסגעמוטשעט פון די ארבעט, עס איז דא גענוג עגמת נפש וואס א מענטש גייט אדורך אין זיין פרנסה, און פון דעסטוועגן דאך קען מען עס באווייזן. אין לך דבר שעומד בפני הרצון, מען דארף נאר וועלן, און טאמער עס איז דא א רצון קען מען עס דערהייבן.

**מען** גייט יעצט אריין אין חמשה עשר באב, וואס די גמרא זאגט, אז פון חמשה עשר באב דארף יעדער מוסיף זיין אין לימוד התורה, די גמרא זאגט זייער שארף אויף דעם וואס איז נישט עוסק אין לימוד התורה. און ווער עס איז יא מוסיף, זאגט מען אים, אז מען וועט אים צוגעבן לעבן. אפילו די שעה וואס עס וועט אים פעלן פון די ארבעט, וועט מען דיר צוגעבן יארן, אז דו זאלסט עס קענען משלים זיין, און עס וועט דיר גארנישט פעלן. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען אויף זיך מקבל זיין עול תורה, זיצען און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, מתוך שמחה וטוב לבב.

**איך** וויל עקסטער נאכאמאל באדאנקן פאר די יונגעלייט וואס געבן זיך אפ מיט די חבורה, און זיי האבן אהערגעשטעלט די מסיבה. זיי זענען פארנומען א גאנץ יאר, סיי מיט צוזאמשטעלן די חבורות, און זיי צוזאמצושטעלן געלט אז מען זאל קענען באצאלן פאר די בחינות, **עס איז א געוואלדיגער זכות אז מען העלפט זיי צו, און מען איז זיך משתתף מיט זיי, און מען נעמט אויף זיך צו האבן א חלק אין די געוואלדיגע הרבצת התורה.** מען גיט אסאך מאל געלט פאר ישיבות וכדומה, אז מען זאל לערנען, און מען ווייסט נאכנישט אייביג צו מען וועט טאקע לערנען צו נישט, אבער דא גיט מען אוועק פאר די וואס לערנען, און זיי פאהערן זיך, זיי ווייזען אויף, אז די געלט איז געגאנגען נאר פאר דעם וואס האט געלערנט.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז אזוי ווי מען האט מסיים געווען די מסכתא, זאל מען קענען מסיים זיין אי"ה נאך אסאך מסכתות. דער באשעפער זאל דערפרייען די הערצער פון יודישע קינדער, די טעג זאלן נתהפך ווערן לששון ולשמחה פארן גאנצן כלל ישראל, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת ואתחנן***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **דוד כ"ץ** הי"ו, ולבת הנולדה אצל הר"ר **עזריאל יודא וויטריאל** הי"ו. אחר התפלה התקיים מסיבת לחיים לכבוד השמחות.

אצל מסיבת הלחיים הביע **רבינו שליט"א** לבחורי הישיבה גודל רגשות לבבו ושמחתו הגדולה שמאות אנ"ש גמרו כעת מסכת עירובין במסגרת חבורת **'ובהם נהגה'**, ולכן גם ציוה שלא לומר תחנון בעת התפלה לגודל השמחה.

*

***שבת קודש פרשת ואתחנן***

בסעודה שלישית **ביקש רבינו שליט"א** מהבחורים שיקבעו זמן מיוחד, בנוסף לסדרי ולימודי הישיבה, להתחיל ללמוד מסכת פסחים במסגרת חבורת **'ובהם נהגה'**, וגם לרבות לקיחת הבחינות, שיהיה להם לתועלת רב להצטרף בחבורתא קדישתא הדין, ויכיר טובה לבחורי הישיבה עבור זה.

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע,** (מתוך הספר מפיהם ומפי כתבם). בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **בנימין ברייער** שליט"א (דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא).

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

**שמעתי מהגה"צ רבי שלמה בארענשטיין מסאכאטשאוו זצ"ל**, דבעת שנעשה חתן עב"ג נכדת **הגה"צ רבי יוסף דוב מבריסק זצ"ל** בעל **בית הלוי**, נסע לירושלים **להגרי"ז מבריסק** לקבל ברכת מזל טוב. והגרי"ז קרבו מאד ודיבר עמו. ובתוך הדברים שאלו הגאון, פארוואס האט דער

**סאכאטשובער רבי**, דער **אבני נזר**, נישט אפגענומען פוילן אזוי ווי דער **צאנזער רב** האט אפגענומען גאליציע. הלא היה גם כן גאון ורבי, ועם כל זה לא נעשה לריש גלותא בפוילן.

הוא מותיב והוא מפרק לה על פי מעשה, כי **הגה"צ בעל ארץ צבי מקוזיגלאב זצ"ל** היה דר בעיר סאסנאוועצ, והיה זמן שהיה מחוסר פרנסה. ועיר סאסנאוועצ היא עיר גדולה ונצרך להם רב, והיות לדעתי **הרב מקוזיגלאב** הוא הגדול שבפוילן, נסעתי במיוחד לעיר סאסנאוועצ ודברתי שם עם ראשי הקהלה שיקבלו אותו לרב העיר, און איך האב גוט גערעדט, אמנם לא הועילו דברי ולא הסכימו על זה, כי בעל הבית פשוט, רוצה רב העיר שיוכל לשוח עמו מפעם לפעם אודות מסחריו וכדומה, ולהנות ממנו עצה ותושיה, אולם **הרב מקוזיגלאב** היה כולו תורה, און חוץ תורה האט ביי אים גארנישט עקזיסטירט. כמו כן לענינינו, **הרה"ק מצאנז** אכן היה גאון אדיר, אמנם ערך שלחן כל יום ויום עם חסידיו, והיה מעורב עם חסידיו ודיבר עמהם, והיה מבוא לדבר עמו על כל הענינים, לכן נעשה ריש גלותא שם בגאליציע. אולם מה שמעו בסאכאטשוב, רק קושיא ותירוץ בתורה נביאים וכתובים, ועוד קושיא ועוד תירוץ, ותו לא, לזאת לא כבש את פוילן כמו שכבש **הדברי חיים** גאליציע.

**והוסיף רבינו:** און באמת אזוי געפונט מען ביי משה רבינו. משה רבינו האט געזאגט (במדבר כז-טז), יפקוד ה' אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה, ער האט געבעטן אז ער זאל זיין אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם, ואשר יוציאם ואשר יביאם, ער זאל קענען סובל זיין דעת כל אחד ואחד. ער האט נישט געבעטן אז דער אייבערשטער זאל שטעלן א גאון וואס קען כל התורה כולה, אים זאל דער אייבערשטער אויסקלויבן, אז ער זאל זיין דער מנהיג פאר יודען. א מנהיג דארף זיין אזא איינער וואס מען קען מיט אים אויך רעדן. דער **קאזגלובער רב** איז געווען זייער גרויס, אבער פון די אנדערע זייט האבן זיי געשפירט אז זיי דארף האבן איינעם מיט וועם זיי זאלן קענען אדורכשמועסן אז מען דארף עפעס, האבן זיי אים נישט אויסגעקליבן. און דאס איז געווען דער חילוק צווישן דעם **צאנזער רב** און דער **אבני נזר.** ביידע זענען געווען גדולי ישראל, גרויס אין תורה, אבער דער **צאנזער רב** אזוי ווי ער איז געווען פארנומען מיט די חסידים האט ער מער איינגענומען גאליציע, ווי דער **אבני נזר** האט איינגענומען פוילן.

*

סיפר **הגה"צ רבי יצחק אהרן עטינגער זצ"ל** אב"ד לבוב, בעל **שו"ת מהרי"א הלוי**, שפעם היה אצל **הדברי חיים** בקרעניץ, ומנהג **הדברי חיים** היה לעשות בעצמו צוויבל מיט אייער בסעודת שבת. ואמר **הדברי חיים לרבי יצחק אהרן** היות שאצל הצוויבל מיט אייער צריכים לדעת כמה הלכות, א) שצריכים לערכו סמוך לסעודה משום איסור בורר, ב) צריכים להניח בהקערה השמן קודם ואחר כך המלח, שלא יהיה בכלל מעבד אם ימלוח על הבצלים. ג) בשבת צריך לשנות אופן חתיכת הבצלים מבחול, שלא לחתוך דק ביותר רק גדול ביותר משום איסור טוחן, ולכן עורך הוא בעצמו ואינו סומך על הנשים. וסיפר **רבי יצחק אהרן**, שהתכוין אז, שגם הוא יעשה כן, מפני שטעמים אלו שאמר **הדברי חיים** על פי הלכה נשאו חן בעיניו. אמנם בשבת הבאה היה שם רב אחד מאונגארן, ובשעת עשיית הצוויבל מיט אייער גחן **הדברי חיים** להרב ההוא, ואמר לו, היות שהוא מפונק ואינו סובל עשיית ועריכת הנשים בזה, על כן מעריכו בעצמו. ואמר **רבי יצחק אהרן**, אזוי, דו באגנב'סט מיר (שלאחר אמר טעם שני בזה), **לא אעשה כמוהו.**

**והוסיף רבינו:** איך האב געהערט פון א יוד וואס האט געהערט פונעם **שאצער רב זצ"ל** אין לאנדאן, אז דער **שאצער רב** האט געזאגט, אז דער **צאנזער רב** בשעת ער האט געמאכט די אייער מיט צוויבל איז ער געווען זייער אין א דביקות, און ער פלעגט אסאך צו האקן מיט די מעסער און מיט די גאפל. און דער **שאצער רב** האט אמאל געזען א צאנזער איינקל מאכט די אייער מיט צוויבל, און ער האט אויך נאכגעמאכט אזוי ווי דער זיידע האט געמאכט, ער האט געקלאפט אהער און אהין. האט זיך דער **שאצער רב** אנגערופן און ער האט געזאגט, איך וועל דיר זאגן א מעשה צו וואס דו ביסט דומה. עס איז געווען אמאל א יוד, א ארימאן, וואס איז געגאנגען נאך געלט, און ער איז אנגעקומען צו א עושר ראטשילד. ער איז געווען א גרויסער בעל צדקה, און ער האט יעדן איינעם שיין אויפגענומען, און ער האט יעדן געגעבן. און ראטשילד איז געווען דעמאלטס פארנומען מיט א געשעפט וואס ער האט געמאכט, האט ער געגעבן

פאר דעם יוד א בענקל אז ער זאל זיצן דארט, און אין אפאר מינוט ארום, ווען ער וועט זיין פריי, וועט ער אים אויפנעמען.

**דער** יוד זעהט ווי ראטשילד זיצט ביי זיין טיש, און ער האט א טעלעפאן, און ער רופט מיט דעם טעלעפאן. פאר איינעם זאגט ער, דו זאלסט אפנעמען סחורה פון דארט און טראגען דארט, און דו זאלסט אריינלייגן אין די באנק אזויפיל געלט. נאכדעם האט ער גערופן צו א צווייטן און ער האט אים געהייסן א צווייטע געשעפט, און ער זאל אריינלייגן אין יענעם באנק אזויפיל טויזנטער'ס, און אזוי ווייטער. האט דער יוד געזאגט, איך האב קיינמאל נישט געוואוסט פארוואס ראטשילד איז אזא עושר, אבער יעצט פארשטיי איך שוין. ער האט דא אזא כלי, וואס ווען מען זאגט אריין דארט אז מען זאל אריינלייגן געלט אין די באנק, און אין יענעם באנק, קומט אריין געלט. איז דאך דא א עצה, איך וועל מיר אויך קויפן אזא כלי, א טעלעפאן, און איך וועל אויך טון די זעלבע, וועל איך אויך ווערן א עושר. וכן הוה, ער האט גענומען די פאר דאלער וואס ער האט געהאט, און ער האט זיך געקויפט א טעלעפאן, און ער פארט אהיים, יעצט גייט ער זיין א עושר.

**ער** קומט אהיים, פרעגט אים דאס ווייב, וואו איז דאס געלט וואס דו האסט צוזאמגענומען. זאגט ער, איך האב נישט געברענגט יעצט געלט, יעצט האב איך געברענגט א זאך וואס וועט ברענגען אסאך און אסאך מער געלט וואס מען קען מאכן פון גיין שנארן. איך האב מיך געקויפט א טעלעפאן. איך בין געווען ביי ראטשילד, און איך האב געזען ווי אזוי ער פארדינט געלט. מען דארף אריינשטעקן דעם טעלעפאן, און מען רופט, און מען שיקט אריין געלט אין די באנק און אין יענע באנק. זאגט אים דאס ווייב, דו ביסט דאך א שוטה. ראטשילד האט געשעפטן איבעראל, און ער האט אקונט"ס איבעראל, און מיטן טעלעפאן קומט ער אן צו די פלאץ וואו די סחורה ליגט, און צו דאס פלאץ ווי יענער לייגט אריין דאס געלט, איז ממילא מיט איין טעלעפאן טוט ער דאס ערלעדיגן. אבער דער טעלעפאן האט נישט קיין קאנעקשאן אין ערגעץ, עס קומט נישט אן אין ערגעץ, דו האסט נישט וואו צו רעדן, און דו האסט נישט וואו צו רופן, אבי צו קלאפן אויפן טעלעפאן נומבערס, מיט דעם וועסטו גארנישט האבן.

**האט** דער **שאצער רב** געזאגט, דער **צאנזער רב** ווען ער האט געקלאפט, האט ער ביי יעדן קלאפ געהאט ערגעץ א קאנעקשאן וואו ער איז אנגעקומען. ווען ער האט געקלאפט דא, האט עס דארט עפעס אויפגעטון. און אויף א צווייטע פלאץ, האט ער א אנדערע זאך אויפגעטון. אבער סתם אזוי צו קלאפן ווען מען מאכט די אייער מיט צוויבל, איז גארנישט.

*

**הרה"ק הדברי חיים מצאנז זי"ע** היה הרבה פעמים אצל **הרה"ק רבי אלעזר מדזיקוב זי"ע**, היה ביניהם ידידות גדול, גם חתונת **הרה"ק רבי נפתלי חיים בהרה"ק מדזיקוב** עם בת **הרה"צ רבי משה'לע אונגאר** חתן **הדברי חיים** היה בדזיקוב, יען שלא היה **הרה"ק מדזיקוב** בקו הבריאות. ופעם אחת כאשר היה **הרה"ק מצאנז** בדזיקוב בשב"ק פרשת אחרי, לא היה **הרה"ק רבי אליעזר** בבריאות, ולא הלך לבית המדרש להתפלל, ואמר **הרה"ק רבי אליעזר** לבניו קודם תפלת שחרית בשבת קודש, באיזה פסוקים בסדרה ידפוק **הדברי חיים** על השלחן או על הרצפה, כדרכו בקודש של **הדברי חיים** בשעת קריאת התורה לדפוק ברגלו בכמה תיבות של הקריאה.

אחר התפלה שאל **הרה"ק מדזיקוב** לבניו אם היה כמו שאמר להם. והשיבו, אמת היה כאשר אמרת, אמנם דפק עוד על פסוק אחר מה שלא הזכרת, והוא הפסוק ערות אחותך בת אביך מולדת בית או מולדת חוץ וכו'. אחר זמן שאל **הרה"ק מדזיקוב להרה"ק מצאנז**, מחותן מפני מה דפקתם על פסוק זה, והשיב מפני שאנחנו יודעים את פירושו. ואמר **הרה"ק מדזיקוב**, הלא גם אנחנו יודעים פירושו. והשיב, שאנחנו יודעים עוד. ואמר **הרה"ק מדזיקוב** הלא גם אנחנו יודעים עוד. והשיב אנחנו יודעים עוד ועוד. ושאל לו **הרה"ק מדזיקוב** הלא גם אנחנו יודעים עוד ועוד. והשיב לו **הרה"ק מצאנז** קצת בקול, אנחנו יודעים עוד ועוד ועוד ועוד...

**והוסיף רבינו:** איך האב אמאל געהערט פונעם **פאלטישאנער רבי זצ"ל**, איך בין געווען נאך פאר די בר מצוה, ווען איך האב עס געהערט פון אים.

ער האט געוואוינט אין בארא פארק, און ער פלעגט צו קומען איינס אדער צוויי מאל א יאר קיין וויליאמסבורג אויף א שבת. מיר זענען געווען קינדער, און **מיין טאטע ז"ל** פלעגט זיך גיין געזעגענען ביי אים, און ער האט אונז מיטגענומען ביים זיך געזעגענען. ווען מען איז אריינגעגאנגען אין שטוב פלעגט אונז דער טאטע זאגן, ווען עטץ וועטס נעמען שלום, זאלט עטץ געבן א קיש אין די האנט, און שטיין און אויסהערן וואס דער רבי זאגט.

**דער פאלטישאנער רבי** איז געווען א בעלזער אייניקל, א אייניקל פון **רבי יהושע'לע**, דער **מיטעלער בעלזער רב**. און דער **ערוגת הבשם** איז געווען א בעלזער חסיד, ער איז געפארן צום מיטלן **בעלזער רב**, און שפעטער האט ער ממשיך געווען צו פארן צו **רבי ישכר דוב**. איין מאל א יאר, כ"ג שבט, ווען עס איז געווען דער יארצייט פונעם מיטלען **בעלזער רב**, איז ער געפארן אדער א שבת פאר די יארצייט, אדער א שבת נאך די יארצייט, דאס קומט אויס בערך אין פרשת משפטים.

**האט** דער **פאלטישאנער רבי** פארציילט, אז ער האט אמאל אינדערוואכן מיטגעדאוונט מיט דעם מנין וואס דער **ערוגת הבשם** האט געדאוונט. און דער **ערוגת הבשם** האט געליינט פרשת משפטים, און ווען ער האט געליינט דעם פסוק (שמות כא-ז) וכי תמכור איש את בתו לאמה, האט זיך דער **ערוגת הבשם** זייער צופייערט, און מיט א גרוס דביקות האט ער געשריגן, וכי תמכור איש את בתו לאמה לא תצא כצאת העבדים. האט דער **פאלטישאנער רבי** געזאגט, נאכן דאווענען בין איך צוגעגאנגען צום **ערוגת הבשם**, און איך האב אים געפרעגט, פארוואס האט איר זיך אזוי צופייערט ביי וכי תמכור איש את בתו לאמה, וואס איז דא זיך צו צופייערן, אז מען פארקויפט א טאכטער פאר א דינסט, און די הלכות ווי אזוי זי גייט ארויס. האט אים דער **ערוגת הבשם** געזאגט, דו ביסט נאך א קליין קינד, און דו ווילסט שוין אלעס פארשטיין? און ער האט אים נישט געענטפערט.

**האט** דער **פאלטישאנער רבי** געזאגט, דעמאלטס בין איך נאך געווען א קליין קינד, אבער איך בין עלטער געווארן, און היינט פארשטיי איך שוין פארוואס ער האט געקלאפט, ווייל אין **זוהר הק'** (ח"ב צד:) שטייט, אז 'איש' גייט ארויף אויפן אייבערשטן, און 'בתו' גייט ארויף אויף די נשמה פון א מענטש. און דער אייבערשטער האט פארקויפט די נשמה פארן גוף, און שפעטער דארף מען צוריקגעבן די נשמה, איז מען מתפלל אז לא תצא כצאת העבדים, אז עס זאל נישט ארויסגיין צוקלאפט בשן ועין, אזוי ווי א עבד גייט ארויס. - דער **צאנזער רב** האט געקלאפט ווייל ער פארשטייט מער וואס עס שטייט אין פסוק, און אז מען פארשטייט מער, איז די כוונה געווען אנדערש ווי די פשוטע פירוש המילות.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

**וסיים רבינו:** איך וויל זיך געזעגענען פון די בחורים, איך פאר אוועק אי"ה אויף אפאר טעג זיך אפרוען, און מתפלל זיין אויף קברי צדיקים. מען זאל מתפלל זיין, אז איך זאל קענען פארן געזונטערהייט און צוריקומען געזונטערהייט, און אויסבעטן אלעס וואס מען דארף אויסבעטן, אויף די הייליגע פלעצער. ווער עס וויל מיר געבן דעם נאמען, זאל א בחור צוזאמנעמען די נעמען, וועל איך מתפלל זיין פאר זיי. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז עס זאל נתקבל ווערן אלע תפלות לרחמים ולרצון.

* * *

***יום ראשון פרשת עקב***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **נחמיה גיידא** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה. - אצל מסיבת הלחיים עורר **רבינו שליט"א** לבחורי הישיבה שיצטרפו להלומדים בחבורות '**ובהם נהגה**', והתועלת הגדולה שיהיה להם, שיתרגלו ללמוד כל יום בקביעות, ועל ידי זה ימשיכו בקביעת עתים לתורה כל ימי חייהם.

***מתוך השיחה:***

**איך** וויל נאכאמאל מעורר זיין אויף דעם ענין פון '**ובהם נהגה**' וואס מען האט שוין גערעדט (בסעודה

שלישית). זומער גיט מען אביסל גרינגער אין די ישיבות, אבער אלעס האט א גבול, פון חמשה עשר באב דארף מען מוסיף זיין אין לימוד התורה, חמשה עשר באב הייבט זיך אן דער זמן וואס מען דארף ווערן צוריק ערנסט, און זיך צוגרייטן צו די הייליגע טעג. אסאך בחורים האבן שוין מיטגעהאלטן די סדר פון **'ובהם נהגה'** ביז יעצט אויך, אבער איך וויל מעורר זיין די וואס האבן נישט מיטגעהאלטן. **עס איז א גוטע זאך אז מען זאל זיך צוגעוואוינען אלץ בחור, צו האבן א עול צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, אז מען געוואוינט זיך אלץ בחור, וועט די קביעות עתים לתורה בלייבן אויף די הונדערט און צוואנציג יאר, און מען וועט יעדן יאר ענדיגען איינס אדער צוויי מסכתות.** ווען מען הייבט אן, ווערט מען געוואר אז עס איז נישט אזוי שווער ווי מען מיינט. עס איז דא היינט צוגעשטעלט גמרות, אז יעדער בחור, אן א אויסנאם, קען מיטהאלטן דעם סדר.

**דער** וואס שפירט אז ער קען נעמען די בחינות, איז אוודאי חשוב'ער אז ער זאל עס לערנען מיט די בחינות. דער וואס שפירט אז ער קען נישט נעמען אויף זיך אזא עול, זאל ער על כל פנים מיטהאלטן דאס לערנען יעדע וואך. עס איז נאר צוויי און א האלב בלאט א וואך. **פארוואס א בעל הבית וואס איז שוין יארן ארויסגעגאנגען פון די ישיבה, און ער ארבעט פון צופרי ביז ביינאכט, קען לערנען ביינאכט איבער די וואך, די לימוד פון 'ובהם נהגה'. און יונגעלייט האבן מיר געזאגט, אז זיי האבן שוין נישט גענומען בחינות צוואנציג יאר, און יעצט נעמען זיי די בחינות. און זיי קענען, עס איז נישט קיין בחינות וואס מען קען נישט. פארוואס זאל א בחור זיך נישט קענען צושטעלן, עס איז דא אזויפיל פרייע צייט וואס מען קען עס משלים זיין.** עס דארף נישט גיין אויף די חשבון פון די סדרים פון די ישיבה, מען דארף פאר זיך אליין האבן א עול יעדע וואך צוצוענדיגן די פאר בלאט וואס מען דארף לערנען.

**דער** אייבערשטער זאל געבן אז די זכות פון תורה, זאל מגין זיין אויף אונז אלע, מען זאל פארן געזונטערהייט, און צוריקקומען געזונטערהייט, איך וועל מתפלל זיין אויף קברי צדיקים, און איך וועל אי"ה אלע אינזין האבן, און עס זאל נתקבל ווערן די תפלות לרחמים ולרצון.

*

בשעות לפני הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר ***יהושע נחמן שפיץ*** הי"ו.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו למדינת שווייץ למנוחת הנפש.

*

***<u>יום שני פרשת עקב</u>***

בשעות הבוקר הגיע **רבינו שליט"א** לשווייץ, ונסע להעיר ציריך להתפלל תפלת שחרית. אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לעיר סט. מאריץ למנוחה.

*

***<u>שבת קודש פרשת עקב</u>***

סעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** בבית מלונו, בהשתתפות עשרות אנשים ששבתו שם במקום.